בעזהשי"ת

## קוּנְטְרֵס

# שָׁלוֹם אִין שְׁטוּב

דֶער קוּנְטְרֵס בְּרֶענְגְט אַרוֹיס דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן "שָׁלוֹם אִין שְׁטוּב". וֶוען עֶס אִיז דָא שָׁלוֹם בַּיִת אִין שְׁטוּב, בְּרֶענְגְט דָאס אַלֶע בְּרָכוֹת אוּן יְשׁוּעוֹת אִין שְׁטוּב, מִיט עֵצוֹת אוּן חִיזוּק וִוי אַזוֹי יֶעדֶער מֶענְטְשׁ קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַ גוּטֶע שָׁלוֹם בַּיִת.

**אִיבֶּערְגֶעזֶעצְט אוֹיף אִידִישׁ פוּנֶעם קוּנְטְרֵס "שָׁלוֹם בְּבֵיתְךָ" פוּן הָרַב הַגָּאוֹן הַצַּדִּיק, עַמּוּד הָאֱמוּנָה, וָואס בְּרֶענְגְט אַרַיין דִי הֵיילִיגֶע אוּן רֵיינֶע אֱמוּנָה אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט**

## כְּבוֹד קְדוּשַּׁת מָרָן מוֹהֲרָא"שׁ זי"ע

גֶעבּוֹיעֶט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּין, אֲדוֹנֵנוּ, מוֹרֵינוּ וְרַבֵּינוּ
**רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ**

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זַיין תַּלְמִיד, מוֹרֵינוּ הַגָּאוֹן הַקָּדוֹשׁ
**רַבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ**

אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן בעזהש"ת
דוּרְךְ חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב - וויליאמסבורג

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**באראפארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב הבעל שם טוב 7**
**052.760.5715**

נדפס ע"י
## קרן הדפסה
## היכל הקודש
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

**צו הערן די**
**הערליכע שיעורים**
**פונעם ראש ישיבה שליט"א**
**רופט:**

קול ברסלב
**212.444.9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212.444.9169**

# שָׁלוֹם אִין שְׁטוּבּ

### א

חַזַ"ל זָאגְן (סִפְרִי פַּרְשַׁת נָשֹׂא) אוֹיף דִי בְּרָכָה מִיט וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בֶּענְטְשְׁט דִי אִידְן "יְבָרֶכְךָ ה' וְיִשְׁמְרֶךָ יָאֵר ה' פָּנָיו אֵלֶיךָ וִיחֻנֶּךָּ יִשָּׂא ה' פָּנָיו אֵלֶיךָ וְיָשֵׂם לְךָ שָׁלוֹם" זָאגְן אוֹיף דֶעם דִי הֵיילִיגֶע חַזַ"ל: "וֶוען וֶועסְטוּ בַּאקוּמֶען דִי אַלֶע בְּרָכוֹת? וֶוען דוּ וֶועסְט הָאבְּן שָׁלוֹם אִין דַיין שְׁטוּבּ"!

## שָׁלום אִין שְׁטוּב

וֶוען עֶס הֶערְשְׁט שָׁלום וְשַׁלְוָה אִין אַ אִידִישֶׁע הויז, דַאן בְּרֶענְגְט דָאס אַלֶע גוּטֶע בְּרָכות און הַשְׁפָּעות אִין שְׁטוּבּ. און פַאר דֶעם אַלֵיין לוינְט זִיךְ שׁוין צוּ אַרְבֶּעטְן אויף זִיךְ און אויף דִי אֵייגֶענֶע מִידות, צוּ הָאבְּן אַ גוּטֶע שָׁלום בַּיִת.

דִי גְמָרָא זָאגְט (בָּבָא מְצִיעָא נ"ט) "אוֹקִירוּ לִנְשַׁייכוּ כִּי הֵיכֵי דְתִתְעֲתְרוּ" - זַייט מְכַבֵּד אַייעֶרֶע וַוייבֶּער און דוּרְךְ דֶעם וֶועט אִיר רַייךְ וֶוערְן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס"ט) אַז דִי גַאנְצֶע עֲשִׁירוּת פוּן אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט נָאר אִין זְכוּת פוּן זַיין וַוייבּ.

דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר גֶעוָוארְנְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן רס"ד) אַז מֶען זָאל זֶען אַכְטוּנְג צוּ גֶעבְּן צוּ מְכַבֵּד זַיין און שֶׁעצְן דִי וַוייבּ. דִי פְרויעֶן הָאבְּן זֵייעֶר אַ שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט, זֵיי מוּטְשֶׁען זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק מִיטְ'ן הָאבְּן קִינְדֶער און אויפְצִיעֶן דִי קִינְדֶער, צוּ אַכְטוּנְג גֶעבְּן אויף

דִי הוֹיז אוּן דִי קִינְדֶער, אוּן דָאס קֶען אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין אִיר אַ שְׁטַארְקֶע דֶעפְּרֶעסְיֶע, אוּן דִי אַרְבֶּעט פוּנֶעם מַאן אִיז אִיר צוּ מְכַבֵּד זַיין אוּן פְרֵיילִיךְ מַאכְן, צוּ זוּכְן נָאר דָאס גוּטְס אִין אִיר, אוּן אַזוֹי אוֹיפְצוּהוֹיבְּן אִיר מוּט, אוּן דַאן וֶועט זַיין אַ הֶערְלִיכֶע שָׁלוֹם בַּיִת אִין שְׁטוּבּ.

אַ פְרוֹי דַארְף גֶעוֶוענְלִיךְ הָאבְּן מֶער חִיזוּק פוּן אַ מַאן. אוֹיף אַ פְרוֹי גֵייט אַרִיבֶּער פִיל שְׁוֶוערִיקַייטְן וָואס מֶענֶער גֵייעֶן נִישְׁט דוּרְךְ, אוּן זִי הָאט נִישְׁט צוּ וֶועמֶען זִיךְ צוּ וֶוענְדְן אוּן זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ נָאר צוּ אִיר מַאן. אוּן דֶער מַאן דַארְף הָאבְּן שֵׂכֶל אִיר צוּ פְרֵיילִיךְ מַאכְן אוּן מְחַזֵק זַיין אוּן דָאס וֶועט הֶעלְפְן סֵיי פַאר אִיר אוּן סֵיי פַאר אִים. וַוייל וֶוען דִי פְרוֹי אִיז דֶערְבִּיטֶערְט אוּן דֶעפְּרֶעסְט, דַאן קֶען זִי זִיךְ נִישְׁט קַיין עֵצָה גֶעבְּן מִיט דִי קִינְדֶער, מִיט דִי שְׁטוּבּ וִוירְטְשַׁאפְט אוּן מִיט סֵיי

וָואס. אוּן צוּם סוֹף קוּמְט אוֹיס אַז דֶער מַאן אַלֵיין אִיז דֶער וָואס לַיידְט דֶערְפוּן.

אוֹיבּ אָבֶער דֶער מַאן אִיז אִיר מְחַזֵק, עֶר שְׁטַארְקְט אִיר שְׁטֶענְדִיג, עֶר גֶעבְּט אִיר גוּטֶע וֶוערְטֶער אוּן הוֹיבְּט אוֹיף אִיר מוּט, אַזוֹי וְוִי דִי חַזַ״ל זָאגְן (רֹאשׁ הַשָּׁנָה ו׳.) ״אִשָּׁה, בַּעֲלָהּ מְשַׂמְחָהּ״ - דֶער מַאן אִיז דֶער וָואס דַארְף פְרֵיילִיךְ מַאכְן זַיין וַוייבּ, דַאן בַּאקוּמְט זִי דִי כּוֹחוֹת וַוייטֶער אָנְצוּגֵיין אִין לֶעבְּן, אוּן אֵיינְמָאל זִי אִיז אִין אַ פְרֵיילִיכֶע גִיסְטֶע, דַאן וֶועט דֶער מַאן אוֹיךְ גָאר אַסַאךְ פַארְדִינֶען דֶערְפוּן.

שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט אִין מִשְׁלֵי (כז, יט) ״כַּמַּיִם הַפָּנִים לַפָּנִים כֵּן לֵב הָאָדָם לָאָדָם״. דֶער טֶבַע פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַז וֶוען מֶען לֵייגְט אַרוֹיף אַ שְׁמֵייכְל אוֹיפְ׳ן פָּנִים, מֶען וַוייזְט פַאר יֶענֶעם אַ פְרֵיילִיכְן שְׁמֵייכְל, דַאן וֶועט יֶענֶער צוּרִיק שְׁמֵייכְלֶען. אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז פַארְקֶערְט,

װען מען װײַזט יענעם אַ בְּרוֹגֶז׳דיק פָּנִים, דאַן װעט יענער צוריק װײַזן אַ רוֹגֶז.

דאָס איז בײַ יעדן מענטשן אַזוי, אָבער ספּעציעל זעט זיך דאָס אָן בײַ אַ מאַן און װײַב. װען דער מאַן װײַזט אַרויס אַ שמייכל פֿאַר זײַן װײַב, ער װײַזט אַז ער פֿאַרשטייט איר און פֿילט מיט מיט איר, דאַן װעט דאָס אויך גיין אַזוי אויף צוריק, די װײַב װעט אויך שמייכלען צו אים און אים ליב האָבן.

אֲפִילוּ װען דער מאַן האָט גענוג צָרוֹת און שװעריקייטן װאָס ער גייט דורך, דאַרף ער זיך אָבער שטאַרקן דאָס נישט אַרויסצואַװײַזן אויפֿ׳ן פָּנִים, נישט אויסצוגיסן די צָרוֹת און כַּעַס אויף זײַן װײַב. ער זאָל נאָר אַרויספּציען אַ שמייכל אויף זײַן פָּנִים און אויסהערן זײַן װײַב מיט אַ רוּאיקייט, און פּרוּבירן איר צו בארואיגן און דערפֿרייען, און דאַן װעט ער צוריק

בַּאקוּמֶען פוּן דֶעם טָאפְּלְט. אֵיינְמָאל זַיין וַוייבּ וֶועט וֶוערְן פְרֵיילִיךְ, וֶועט זִי אִים אוֹיךְ פְרֵיילִיךְ מַאכְן.

אוּן וֶוען דִי טַאטֶע אוּן מַאמֶע זֶענֶען פְרֵיילִיךְ, דַאן זֶענֶען דִי קִינְדֶער אוֹיךְ פְרֵיילִיךְ. דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ וֶוערְט אַ גֶעשְׁמַאקֶע פְרֵיילִיכֶע הוֹיז, אוּן עֶס הֶערְשְׁט שָׁלוֹם אִין שְׁטוּבּ.

## ב

קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט הָאט נִישְׁט לִיבּ וֶוען מֶען קְרִיטִיקִירְט אִים, וֶוען מֶען זָאגְט אִים אַז עֶר אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְט, אַז עֶר וֵוייסְט נִישְׁט אוּן עֶר קֶען נִישְׁט, פַארְוָואס עֶר הָאט גֶעטוּן אַזוֹי צִי אַזוֹי, פַארְוָואס עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען דָא אָדֶער דָארְט.

דָאס אִיז בַּיי יֶעדְן מֶענְטְשׁ אַזוֹי, אָבֶער נָאךְ מֶער אִיז דָאס אַזוֹי בַּיי אַ פְרוֹי. אַ וַוייבּ הָאט זֵייעֶר נִישְׁט לִיבּ וֶוען

דֶער מַאן קְרִיטִיקִירְט אִיר, וֶוען עֶר זָאגְט אִיר מוּסָר. אוּן וֶוען דֶער מַאן בַּאנַארִישְׁט זִיךְ אוּן עֶר הַאלְט אִין אֵיין אַרַיינְזָאגְן אוּן קְרִיטִיקִירְן זַיין וַוייבּ, עֶר אִיז נָאר פַארְנוּמֶען מִיט אִירֶע פֶּעלֶערְן אוּן דוּרְכְפֶּעלֶער, דַאן הוֹיבְּט זִיךְ אָן דִי קְרִיגֶערַייעֶן אִין שְׁטוּבּ. פוּן דֶעם הוֹיבְּט זִיךְ אָן אַלֶע שָׁלוֹם בַּיִת פְּרָאבְּלֶעמֶען, בִּיז עֶס צוּפְלַאקֶערְט זִיךְ אַ גְרוֹיסֶע מַחְלוֹקֶת חַס וְשָׁלוֹם.

אַ מַאן וָואס הָאט דֶעם קָאפּ אוֹיפְ׳ן פְּלַאץ וֶועט טוּן פּוּנְקְט פַארְקֶערְט, עֶר וֶועט נָאר מְחַזֵק זַיין אוּן שְׁטַארְקְן זַיין וַוייבּ אַלֶעמָאל. אֲפִילוּ וֶוען זִי הָאט גֶעמַאכְט אַ טָעוּת אוּן גֶעהַאט אַ דוּרְכְפַאל, וֶועט עֶר נִישְׁט מַאכְן אַ גַאנְצֶער מַצָב דֶערְפוּן, עֶר וֶועט עֶס נִישְׁט אוֹיפְבְּלָאזְן אוּן רֶעדְן דֶערְפוּן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל אוּן חוֹזֶק מַאכְן חַס וְשָׁלוֹם פוּן זַיין וַוייבּ וֶוען זִי הָאט גֶעטוּן עֶפֶּעס נִישְׁט רִיכְטִיג. פַארְקֶערְט, עֶר וֶועט אִיר נָאר מְחַזֵק זַיין

אַז יֶעדֶער קֶען אַמָאל מַאכְן אַ טָעוּת, זִי הָאט זִיכֶער נִישְׁט גֶעמֵיינְט פַאר דַוְקָא אַז דָאס זָאל אַזוֹי גֶעשֶׁען, און אַז דִי קוּמֶענְדִיגֶע מָאל וֶועט עֶס בֶּעסֶער גֶעלוּנְגֶען. עֶר וֶועט אַוֶועקְמַאכְן דֶעם דוּרְכְפַאל אַז סְ׳אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אַזוֹי גֶעפֶערְלִיךְ, עֶס אִיז נִישְׁט עֶק וֶועלְט. אַלֶעס מִיטְ׳ן צִיל אַז זִי זָאל זִיךְ גוּט שְׁפִּירְן און נִישְׁט וֶוערְן צוּקְלַאפְּט בַּיי זִיךְ. עֶר וֶועט אִיר וַוייזְן אַ שְׁמֵייכְל מִיט לִיבְּשַׁאפְט אַז עֶר אִיז בִּכְלַל נִישְׁט בְּרוֹגֶז אַז זִי הָאט נִישְׁט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען מִיט וָואס זִי הָאט גֶעטוּן, אַז עֶר קוּקְט אִיר ווייטֶער אַרוּיף און עֶר שֶׁעצְט אִיר זֵייעֶר, און דַאן וֶועט הֶערְשְׁן שָׁלוֹם וְשַׁלְוָה אִין שְׁטוּבּ.

חַזַ״ל זָאגְן (בְּרָכוֹת כ״ד.) ״אִשְׁתּוֹ כְּגוּפוֹ״ - דִי וַוייבּ אִיז אַזוֹי וִוי דֶער מַאן. דָאס דַארְף אַ מַאן גוּט גֶעדֶענְקֶען און גוּט אַריינְנֶעמֶען אִין קָאפּ, אַזוֹי וִוי עֶר הָאט נִישְׁט לִיבּ וֶוען מֶען קְרִיטִיקִירְט אִים און מֶען מַאכְט אַ גַאנְצֶע עֵסֶק

פוּן זַיינְס אַ דוּרְכְפַאל. עֶר ווִיל אַז יֶעדֶער זָאל אִים נָאר דַן זַיין לְכַף זְכוּת. דִי זֶעלְבֶּע דַארְף עֶר אוֹיךְ טוּן צוּ זַיין וַוייבּ, עֶר זָאל אִיר אַלֶעמָאל דַן זַיין לְכַף זְכוּת, עֶר זָאל אִיר נָאר מַאכְן גוּט שְׁפִּירְן, אוּן דָאס וֶועט בְּרֶענְגֶען שָׁלוֹם אוּן לִיבְּשַׁאפְט אִין שְׁטוּבּ.

## ג

דִי גְמָרָא זָאגְט (יְבָמוֹת ס"ג:) אַז וֶוער עֶס הָאט לִיבּ זַיין וַוייבּ פוּנְקְט ווִי זִיךְ אַלֵיין, אוּן עֶר אִיז אִיר מְכַבֵּד נָאךְ מֶער פוּן זִיךְ אַלֵיין, אוֹיף אַזַא מֶענְטְשׁ זָאגְט דֶער פָּסוּק (אִיוֹב ה) "וְיָדַעְתָּ כִּי שָׁלוֹם אָהֳלֶךָ".

נָאךְ זָאגְט דִי גְמָרָא (חוּלִין פ"ד:) אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל קוֹיפְן עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען פַאר זִיךְ מִיט וֶוייניגֶער גֶעלְט פוּן ווִיפִיל עֶר פַארְמָאגְט, עֶר זָאל זִיךְ אָנְטוּן מַלְבּוּשִׁים

לוֹיט וִויפִיל גֶעלְט עֶר פַארְמָאגְט, אוּן עֶר זָאל מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער מִיט נָאךְ מֶער גֶעלְט פוּן וִויפִיל עֶר הָאט.

מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען אַז צוּ לִיבּ הָאבְּן אוּן שֶׁעצְן דִי וַוייבּ אִיז עֶפֶּעס אַ נַארִישֶׁע זַאךְ, עֶפֶּעס אַן אַיינְרֶעדֶענִישׁ. וֶוען מֶען לֶערְנְט אָבֶּער דִי הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער פוּן חַזַ״ל זֶעט מֶען וִוי וַוייט זֵיי הָאבְּן מַקְפִּיד גֶעוֶוען אוֹיף דֶעם, וִוי שְׁטַארְק זֵיי לֶערְנֶען אוּנְז אַז אַ מַאן דַארְף לִיבּ הָאבְּן זַיין וַוייבּ, עֶר דַארְף אִיר נָאר שֶׁעצְן אוּן מְכַבֵּד זַיין נָאךְ מֶער פוּן זַיינֶע כּוֹחוֹת, אוּן מִיר דַארְפְן דָאס פָּאלְגְן אוּן מְקַיֵּים זַיין.

פַאר אַ וַוייבּ דַארְף מֶען אַרוֹיסְוַוייזְן אַסַאךְ לִיבְּשַׁאפְט. דִי נַאטוּר פוּן אַ פְרוֹי אִיז אַז זִי זָארְגְט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג אוֹיבּ אִיר מַאן הָאט אִיר טַאקֶע לִיבּ אָדֶער נִישְׁט. זִי לֶעבְּט אִין אַ פַּחַד אַז אֶפְשָׁר דַארְף אִיר מַאן

אִיר נִישְׁט הָאבְּן, אֶפְשָׁר גֶעפֶּעלְט זִי נִישְׁט פַּאר אִים. אוּן דֶערִיבֶּער דַארְף דֶער מַאן דָאס שְׁטֶענְדִיג אִינְזִין הָאבְּן, עֶר זָאל אִיר אֵייבִּיג צוּזָאגְן אוּן קְלָאר מַאכְן אַז עֶר הָאט אִיר יָא זֵייעֶר לִיבּ, אַז זִי גֶעפֶעלְט אִים זֵייעֶר שְׁטַארְק. עֶר דַארְף אִיר נָאר שְׁטַארְקְן אוּן אַרוֹיסְוַוייזְן אַסַאךְ לִיבְּשַׁאפְט, אַז זִי זָאל אֱמֶת׳דִיג שְׁפִּירְן אַז עֶר הָאט אִיר זֵייעֶר לִיבּ. ווִי מֶער עֶר וֶועט דָאס אַרוֹיסְוַוייזְן אוּן אִיבֶּערְזָאגְן אִין יֶעדֶע גֶעלֶעגְנְהַייט אַז עֶר הָאט אִיר לִיבּ, וֶועט דָאס אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אַ גֶעשְׁמַאק אִין שְׁטוּבּ אוּן עֶס וֶועט אַלֶעמָאל זַיין נָאר שָׁלוֹם אִין שְׁטוּבּ.

מֶען דַארְף אוֹיךְ הָאבְּן אַסַאךְ סַבְלָנוּת צוּ אַ וַוייבּ. אַ פְּרוֹי מַאכְט מִיט גָאר אַסַאךְ שְׁוֶוערִיקַייטְן מִיט דִי קִינְדֶער אוּן מִיט דִי שְׁטוּבּ-ווִירְטְשַׁאפְט, אוּן דָאס קֶען אִיר צוּמָאל מַאכְן זֵייעֶר נֶערְוֶועז אוּן דֶעפְּרֶעסְט, אוּן דֶער מַאן דַארְף דַאן פְּרוּבִּירְן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת צוּ הָאבְּן

גֶעדוּלְד אוּן סַבְלָנוּת, נִישְׁט צוּרִיק צוּ שְׁרַייעֶן אוּן צוּ וֶוערְן נֶערְוֶועז, נָאר פַארְקֶערְט עֶר זָאל אִיר פְּרוּבִּירְן צוּ בַּארוּאִיגְן אוּן פְרֵיילִיךְ מַאכְן, גְרִינְגֶער מַאכְן אִירֶע גֶעפִילְן, אוּן דַאן וֶועט עֶר הָאבְּן אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן מִיט זַיין וַוייבּ אִינְאֵיינֶעם.

חֲזַ"ל זָאגְן (יְבָמוֹת ס"ג.) אַז אֲפִילוּ וֶוען דִי וַוייבּ אִיז אַ שְׁלֶעכְטֶע פְּרוֹי דַארְף מֶען אִיר אוֹיךְ מְכַבֵּד זַיין אוּן שֶׁעצְן, בְּלוֹיז דֶערְפַאר וַוייל זִי צִיהט אוֹיף דִי קִינְדֶער אוּן זִי רַאטֶעוֶועט דֶעם מַאן פוּן עֲבֵירוֹת. דֶער אֱמֶת אִיז אָבֶּער אַז גֶעוֶוענְלִיךְ אִיז דִי פְּרוֹי נִישְׁט שְׁלֶעכְט, דִי שְׁלֶעכְטְקַייט קוּמְט נָאר וַוייל זִי אִיז אִיבֶּערְגֶעשְׁטְרֶענְגְט, אוּן אוֹיבּ דֶער מַאן וֶועט אִיר בַּארוּאִיגְן אוּן פְרֵיילִיךְ מַאכְן, עֶר וֶועט אִיר וַוייזְן אַז עֶר הָאט אִיר זֵייעֶר לִיבּ, דַאן וֶועט זִי וֶוערְן אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט צוּ אִים. אִיר הַארְץ וֶועט שְׁפִּירְן זַיין הַארְץ. אַזוֹי וִוי עֶר

הָאט אִיר לִיבּ, וֶועט זִי אִים אוֹיךְ לִיבּ הָאבְּן. אוּן זֵיי וֶועלְן הָאבְּן דֶעם גַן עֶדֶן אִינְדֶערְהֵיים.

## ד

אַ אִיד דַארְף וִויסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז עֶר אִיז אַרָאפְּגֶעקוּמֶען דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט נָאר פַאר אֵיין צִיל אוּן תַּכְלִית. מִיר גֶעפוּנֶען זִיךְ דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט נָאר צוּ טוּן דֶעם וִוילְן פוּן בַּאשֶׁעפֶער, צוּ זַיין נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ מְקַיֵים זַיין זַיינֶע מִצְוֹת. אַלֶע אִיבְּרִיגֶע זַאכְן זֶענֶען בְּלוֹיז נַארִישְׁקַייטְן, הֶבֶל הֲבָלִים.

דִי עֶרְשְׁטֶע מִצְוָה פוּן דִי תַּרְיַ״ג מִצְוֹת אִיז דִי מִצְוָה פוּן ״פְּרוּ וּרְבוּ״ – אַז אַ אִיד דַארְף חֲתוּנָה הָאבְּן. אוּן פַאר דֶעם צִיל הָאט מֶען שׁוֹין אוֹיסְגֶערוּפְן אִין הִימְל פֶערְצִיג טֶעג פַארְ׳ן גֶעבּוֹירְן וֶוערְן: ״בַּת פְּלוֹנִי לִפְלוֹנִי״ – וֶוער

עֶס וֶועט זַיין דִי רִיכְטִיגֶע שִׁידוּךְ (סוֹטָה ב׳.). דִי ווילְן פוּן אַ אִיד דַארְף זַיין נָאר צוּ טוּן דֶעם ווילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן אוֹיבּ הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּזַאמְגֶעשְׁטֶעלְט דֶעם שִׁידוּךְ, דַארְף מֶען זֶען אוֹיסְצוּפִירְן דֶעם ווילְן פוּן בַּאשֶׁעפֶער אוּן לֶעבְּן מִיט דִי ווייבּ מִיט גְרוֹיס לִיבְשַׁאפְט אוּן זֶען אַז עֶס זָאל זַיין נָאר שָׁלוֹם אִין שְׁטוּבּ.

וֶוען אַ אִיד לֶעבְּט מִיט זַיין וַוייבּ מִיט דֶעם גֶעדַאנְק, דַאן הָאט עֶר טַאקֶע לִיבּ זַיין וַוייבּ מִיט אַן אֱמֶת׳עֶ לִיבְּשַׁאפְט אוּן אַן אֵייבִּיגֶע לִיבְּשַׁאפְט. אוֹיבּ אָבֶער טְרַאכְט אַ מֶענְטְשׁ נָאר פוּן זִיךְ אַלֵיין, נָאר פוּן זַיינֶע אֵייגֶענֶע הַנָאוֹת. דִי גַאנְצֶע סִיבָּה פַארְוָואס עֶר הָאט לִיבּ זַיין וַוייבּ אִיז נָאר וַוייל זִי שְׁטֶעלְט אִים צוּ וָואס עֶר דַארְף. דַאן אִיז דָאס נִישְׁט קַיין אֱמֶת׳עֶ לִיבְשַׁאפְט. עֶר הָאט נִישְׁט לִיבּ זַיין וַוייבּ, עֶר הָאט נָאר לִיבּ זִיךְ אַלֵיין

און עֶר וויל אַז זַיין ווייבּ זָאל אִים גֶעבְּן אַלֶעס וָואס עֶר בְּרוֹיךְ. אִין דִי מִינוּט וָואס זַיין ווייבּ וֶועט אִים נִישְׁט קֶענֶען בַּאפְרִידִיגְן, זִי וֶועט זִיךְ נִישְׁט צוּשְׁטֶעלְן צוּ אִים פּוּנְקְט וִוי עֶר וִויל, דַאן הָאט עֶר שׁוֹין לַאנְג פַּארְגֶעסְן פוּן אִיר, און עֶר הָאט אִיר שׁוֹין בִּכְלַל נִישְׁט לִיבּ. אַזַא סָארְט פַּאלְשֶׁע לִיבְּשַׁאפְט קֶען נִישְׁט אָנְהַאלְטְן פַאר צוּ אַ לַאנְגֶע צַייט.

חַזַ"ל זָאגְן (סוֹטָה י"ז.) "אִישׁ וְאִשָּׁה שֶׁזָכוּ, שְׁכִינָה בֵּינֵיהֶן. לֹא זָכוּ, אֵשׁ אוֹכַלְתָּן" - אוֹיבּ דִי פָּאר-פָאלְק זֶענֶען זוֹכֶה, דַאן רִיהט דִי שְׁכִינָה צְווִישְׁן זֵיי, און אוֹיבּ נִישְׁט, וֶוערְן זֵיי פַּארְבְּרֶענְט אִין פֵייעֶר. אִין דִי וָוארְט "אִישׁ" אִיז דָא דֶער אוֹת י', און אִין דִי וָוארְט "אִשָּׁה" אִיז דָא דֶער אוֹת ה', און צוּזַאמֶען אִיז דָאס דֶער נָאמֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוֹיבּ נֶעמְט מֶען אַרוֹיס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פוּן צְווִישְׁן זֵיי, מֶען נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם אוֹת

י׳ פוּנֶעם מַאן אוּן דִי אוֹת ה׳ פוּן דִי וַוייבּ, דַאן בְּלַייבְּט עֶס אִיבֶּער בְּלוֹיז אֵשׁ מִיט אֵשׁ, פֵייעֶר מִיט פֵייעֶר, דִי פֵייעֶרְן פוּן מַחְלוֹקֶת בְּרֶענְט אִין זֵייעֶר הוֹיז אוּן זֵיי וֶוערְן בֵּיידֶע פַארְבְּרֶענְט פוּן דִי הֶעלִישֶׁע פְלַאמֶען פוּן מַחְלוֹקֶת בִּיז עֶס קֶען צוּקוּמֶען צוּ אַ גֶט חַס וְשָׁלוֹם.

אוֹיבּ אָבֶּער דִי מַאן אוּן וַוייבּ גֶעדֶענְקֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי צוּזַאמְגֶעשְׁטֶעלְט, דֶער יְסוֹד פוּנֶעם שְׁטוּבּ אִיז גֶעבּוֹיעֶט מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן רִיהט דִי שְׁכִינָה צְווִישְׁן זֵיי. עֶס הֶערְשְׁט אַן אֱמֶת׳עֶ לִיבְּשַׁאפְט אִין הוֹיז, אַ לִיבְּשַׁאפְט וָואס צִיהט זִיךְ בִּיז אֵייבִּיג אוּן זֵיי הָאבְּן אַ גְלִיקְלִיכֶע גֶעשְׁמַאקֶע לֶעבְּן אִינְאֵיינֶעם.

## ה

חַזַ״ל זָאגְן (בָּבָא מְצִיעָא נ״ט.) אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ מְכַבֵּד זַיין אוּן שֶׁעצְן זַיין וַוייבּ, וַוייל

עֶס קוּמְט נִישְׁט קַיין בְּרָכָה פַאר'ן מֶענְטְשׁ נָאר אִין זְכוּת פוּן זַיין וַוייבּ, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (בְּרֵאשִׁית י"ב, ט"ז) "וּלְאַבְרָם הֵיטִיב בַּעֲבוּרָהּ", אוּן דֶערִיבֶּער הָאט רָבָא אָנְגֶעזָאגְט פַאר דִי מֶענְטְשְׁן פוּן זַיין שְׁטָאט אַז זֵיי זָאלְן מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבֶּער וַוייל אַזוֹי וֶועלְן זֵיי זוֹכֶה זַיין צוּ גְרוֹיס עֲשִׁירוּת.

דָאס דַארְף אַ מֶענְטְשׁ גוּט גֶעדֶענְקֶען אַז אַלֶעס גוּטְס וָואס עֶר הָאט אוּן וָואס עֶר דַארְף צוּ בַּאקוּמֶען שְׁפֶּעטֶער, קוּמְט אַלֶעס נָאר אִין זְכוּת פוּן זַיין וַוייבּ. אוֹיבּ וִויל אַ מֶענְטְשׁ הָאבְּן פַּרְנָסָה בְּרֵיוַח מִיט עֲשִׁירוּת, דַארְף עֶר זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען צוּ מְכַבֵּד זַיין זַיין וַוייבּ וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, עֶס זָאל הֶערְשְׁן אַ לִיבְּשַׁאפְט אִין הוֹיז, אוּן דַאן וֶועט קוּמֶען אַלֶע גוּטֶע הַשְׁפָּעוֹת אִין דֶעם הוֹיז, אוּן זֵיי וֶועלְן גֶעהָאלְפְן מִיט אַלֶעס וָואס זֵיי דַארְפְן.

בֶּאֱמֶת אִיז דָאס פָּשׁוּט אוֹיךְ אַ פְּרַאקְטִישֶׁע זַאךְ בְּגַשְׁמִיוּת. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט בְּשָׁלוֹם אוּן מִיט לִיבְשַׁאפְט מִיט זַיין וַוייבּ, דַאן הָאט עֶר אַ רוּאִיגֶער מֹחַ, עֶר לֶעבְּט מִיט יִשּׁוּב הַדַעַת אוּן עֶר הָאט הַרְחָבַת הַדַעַת, אוּן דַאן אִיז אִים שׁוֹין גְרִינְג צוּ מַצְלִיחַ זַיין אִין יֶעדֶע זַאךְ.

אוּן פַארְקֶערְט, וֶוען מֶען קְרִיגְט זִיךְ אִינְדֶערְהֵיים, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין לִיבְשַׁאפְט אִינְדֶערְהֵיים, דַאן הָאט דֶער מֶענְטְשׁ נִישְׁט דֶעם קָאפּ אוֹיפְ׳ן פְּלַאץ, עֶר הָאט נִישְׁט קַיין קְלָארֶער מֹחַ צוּ קֶענֶען אִיבֶּערְטְרַאכְטְן אַ זַאךְ וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז אַזוֹי קֶען מֶען נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין.

אוּן נָאךְ מֶער אִיז דָאס בְּרוּחֲנִיוּת. אַ אִיד קֶען נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין בְּרוּחֲנִיוּת נָאר אוֹיבּ עֶר לֶעבְּט בְּשָׁלוֹם מִיט זַיין וַוייבּ, עֶר הָאט אִיר לִיבּ אוּן עֶר שֶׁעצְט אִיר. חַזַ״ל

זָאגְן (פְּסָחִים קי"ב) "מִצְוָה וְגוּף טָהוֹר, נוֹשֵׂא אִשָּׁה וְלוֹ בָּנִים", נָאךְ זָאגְן דִי חֲזַ"ל (קִידוּשִׁין כ"ט.) "נוֹשֵׂא אִשָּׁה וְאַחַר כַּךְ לוֹמֵד תּוֹרָה" - דָאס מֵיינְט אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט חֲתוּנָה אוּן עֶר לֶעבְּט בְּשָׁלוֹם מִיט זַיין וַוייבּ אוּן עֶר הָאט אִיר לִיבּ, דַאן הָאט עֶר אַ קְלָארֶע אוּן בְּרֵייטֶע מֹחַ, עֶר טְרַאכְט נִישְׁט פוּן קַיין אַנְדֶערֶע וַוייל עֶר הָאט לִיבּ זַיין וַוייבּ, אוּן דַאן קֶען עֶר רוּאִיגֶערְהֵייט לֶערְנֶען אוּן דַאוְוענֶען אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

סְפֶּעצִיעֶל וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט אַז מֶען הָאט אַ גוּטֶע וואוּילֶע וַוייבּ וָואס זִי הֶעלְפְט אִים צוּ אַז עֶר זָאל קֶענֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה, אִיז דָאס אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הִילְף פַארְ'ן מַאן. חֲזַ"ל זָאגְן (פִּרְקֵי דְרַבִּי אֱלִיעֶזֶר, פֶּרֶק מ"א) אַז מֶענֶער גֵייעֶן נָאךְ וָואס דִי וַוייבֶּער זָאגְן, אוּן אוֹיבּ אִיז דִי פְּרוֹי קְלוּג אוּן זִי אִיז מְחַזֵק אִיר מַאן אַז עֶר זָאל זַיין וואוּיל אוּן עֶרְלִיךְ,

אַז עֶר זָאל דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה, דַאן אִיז אִיר זְכוּת זֵייעֶר גְרוֹיס אוּן זִי בַּאקוּמְט אַ גְלַייכֶער טֵייל אִין זַיין תּוֹרָה, אַזוֹי וִוי דִי חֲזַ״ל זָאגְן (בְּרָכוֹת י״ז.) אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט צוּגֶעזָאגְט פַאר דִי פְרוֹיעֶן נָאךְ מֶער שְׂכַר פוּן דִי מֶענֶער, אוּן דִי גְמָרָא זָאגְט דָארְט אַז דִי שְׂכַר בַּאקוּמֶען זֵיי וַוייל זֵיי טְרָאגְן זֵייעֶרע קִינְדֶער לֶערְנֶען תּוֹרָה, אוּן זֵיי לָאזְן דִי מֶענֶער לֶערְנֶען תּוֹרָה אוּן וַוארְטְן זֵיי אָפּ וֶוען זֵיי קוּמֶען אַהֵיים פוּן לֶערְנֶען.

ו

חֲזַ״ל זָאגְן (בָּבָא מְצִיעָא נ״ט.) אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ טְשֶׁעפֶּען זַיין וַוייבּ, וַוייל אַ פְרוֹיקֶען שְׁנֶעלֶער וֵויינֶען, אוּן שְׁנֶעלֶער וֶוערְן גֶעטְשֶׁעפֶּעט. דֶערִיבֶּער דַארְף דָאס אַ מַאן זִיךְ גוּט אַרַיינְנֶעמֶען אִין קָאפּ אַז עֶר זָאל זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ טְשֶׁעפֶּען

זַיין וַוייבּ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז זֵייעֶר מַקְפִּיד אוֹיף דֶעם.

דָאס אִיז זֵייעֶר הַארְבּ וֶוען מֶען טְשֶׁעפֶּעט דִי וַוייבּ מִיט שְׁטֶעכֶעדִיגֶע וֶוערְטֶער, און זִיכֶער אַזוֹי וֶוען דֶער מַאן פַארְשֶׁעמְט אִיר בְּרַבִּים און קְרִיגְט זִיךְ מִיט אִיר, און נָאךְ מֶער אוֹיבּ דֶער מַאן גֵייט חַס וְשָׁלוֹם אַזוֹי וַוייט צוּ הוֹיבְּן דִי הֶענְט אוֹיף זַיין וַוייבּ. דֶער מַאן כַאפְּט נִישְׁט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק אָנְנֶעמֶען פַאר אִיר, און עֶר וֶועט צוּרִיק בַּאקוּמֶען פַאר דֶעם אַזֶעלְכֶע הַארְבֶּע שְׁטְרָאפְן, עֶר וֶועט בַּאצָאלְט וֶוערְן בְּכֵפֶל כִּפְלַיִם פוּן וָואס עֶר הָאט מְצַעֵר גֶעוֶוען זַיין וַוייבּ.

אַמָאל קוּמְט דָאס פָּשׁוּט פוּן דֶעם וָואס דֶער מַאן אִיז אִיבֶּערְגֶעשְׁטְרֶענְגְט, עֶר הָאט גֶעהַאט אַ שְׁוֶוערֶע טָאג, עֶר הָאט גֶעהַאט זַיינֶע דוּרְכְפֶּעלֶער, און וֶוען עֶר קוּמְט אַהֵיים לָאזְט עֶר אוֹיס זַיין גַאנְצֶע כַּעַס און בִּיטֶערְנִישְׁט

אוֹיף זַיין וַוייבּ׳ס קָאפּ. אוֹיבּ זֶעט עֶר עֶפֶּעס וָואס אִיז נִישְׁט גֶעטוּן גֶעוָוארְן פּוּנְקְט אַזוֹי וִוי עֶר הָאט גֶעוָואלְט, נוּצְט עֶר אוֹיס דִי גֶעלֶעגֶנְהַייט אַרָאפְּצוּרַייסְן אוּן צוּ פַארְשֶׁעמֶען זַיין וַוייבּ, אוּן מִיט דֶעם פְּרוּבִּירְט עֶר צוּ בַּארוּאִיגְן זַיינֶע אָנְגֶעצוֹיגֶענֶע נֶערְוֶוען. דִי פְּרַאגֶע אִיז נָאר פַארְוָואס דִי פְרוֹי אִיז שׁוּלְדִיג אִין זַיינֶע דוּרְכְפֶּעלֶער, פַּארְוָואס דַארְף זִי לַיידְן דֶערְפַאר?

אוּן אֲפִילוּ אוֹיבּ דִי פְרוֹי הָאט טַאקֶע גֶעטוּן עֶפֶּעס נִישְׁט רִיכְטִיג, זִי הָאט טַאקֶע גֶעדַארְפְט עֶפֶּעס עֶנְדִיגְן אוּן זִי אִיז גֶעבְּלִיבְּן אִינְדֶערְמִיט, דַארְף דֶער מַאן אוֹיךְ קֶענֶען אַיינְהַאלְטְן זַיין כַּעַס אוּן אִיר נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען אוֹיף דֶעם. נָאר עֶר זָאל אִיר דַן זַיין לְכַף זְכוּת אַז זִי אִיז זִיכֶער נִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען מִיט דִי אַרְבֶּעט, אַז זִי הָאט נִישְׁט גֶעמֵיינְט קַיין שְׁלֶעכְטְס דֶערְמִיט.

דֶער מַאן דַארְף שְׁטֶענְדִיג צוּלֵייגְן קָאפּ אוּן זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען צוּ זֶען אַז כָאטְשׁ פוּן זַיין זַייט זָאל זַיין שָׁלוֹם בַּיִת, עֶר זָאל זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט קְרִיגְן מִיט זַיין וַוייבּ, עֶר זָאל קֵיינְמָאל נִישְׁט שְׁרַייעֶן אוֹיף זַיין וַוייבּ. אֲפִילוּ וֶוען זִי הוֹיבְּט אָן צוּ שְׁרַייעֶן אוֹיף אִים זָאל עֶר זִיךְ אַיינְהַאלְטְן אוּן נִישְׁט צוּרִיק עֶנְטְפֶערְן, אוּן דַאן וֶועט אַלֶעס דוּרְכְגֵיין בְּשָׁלוֹם. חֲזַ״ל זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי עֲבוֹדָה זָרָה, פֶּרֶק ב׳, הֲלָכָה א׳) אַז דִי סֵדֶר פוּן אַ פְרוֹי אִיז צוּ שְׁרַייעֶן וֶוען עֶס גֵייט אִיר עֶפֶּעס נִישְׁט גוּט. אַ פְרוֹי וֶוערְט אָנְגֶעשְׁטְרֶענְגְט אוּן דֶעפְּרֶעסְט פוּן דִי שְׁוֶוערִיקַייטְן וָואס זִי גֵייט דוּרְךְ, אוּן זִי קֶען זִיךְ נֶעמֶען שְׁרַייעֶן אוֹיפְ׳ן מַאן. דֶער מַאן דַארְף וִויסְן אַז דָאס אִיז נָאר אַ דוּרְכְגַאנְג, אוּן אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ אַיינְהַאלְטְן אוּן גָארְנִישְׁט עֶנְטְפֶערְן וֶועט אַלֶעס זַיין גוּט, בִּיז אַ קוּרְצֶע צַייט וֶועט זִי צוּרִיק וֶוערְן פְרֵיילִיךְ.

דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה פַאר׳ן מַאן וָואס צוּ טוּן אִין אַזַא צַייט אִיז נָאר צוּ אַנְטְלוֹיפְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, יֶעדֶע קְלֵיינִיקַייט וָואס פַּאסִירְט אוֹיף דֶער וֶועלְט קוּמְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַ גוּטֶע סִיבָּה. אוּן דָאס וָואס דִי וַוייבּ שְׁרַייט אוֹיפְ׳ן מַאן קוּמְט אוֹיךְ נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער מַאן דַארְף גֵיין אִין דִי זַייט אוּן זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן פַאר׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין שְׁפְּרַאךְ, עֶר זָאל דֶערְצֵיילְן פַאר׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶע זַיינֶע שְׁוֶועריקַייטְן וָואס עֶר גֵייט דוּרְךְ, אוּן אִים בֶּעטְן זַיין הִילְף. אָבֶּער זַיין וַוייבּ זָאל עֶר נָאר שֵׁיין אוֹיסְהֶערְן מִיט גֶעדוּלְד אוּן נִישְׁט צוּרִיק שְׁרַייעֶן. אוּן דַאן וֶועט עֶר זֶען ווִי עֶס וֶועט מְקוּיָם וֶוערְן דָאס וָואס דִי חֲזַ״ל זָאגְן (יַלְקוּט מִשְׁלֵי, רֶמֶז תתקנ״ז) ״בִּרְצוֹת ה׳ דַּרְכֵי אִישׁ גַּם אוֹיְבָיו יַשְׁלִים אִתּוֹ, אוֹיְבָיו זוּ אִשְׁתּוֹ״. אוֹיבּ דֶער מַאן קֶערְט זִיךְ צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן וֶועט זִיךְ זַיין וַוייבּ אִיבֶּערְדְרֵייעֶן צוּם גוּטְן, דִי וֶועט

װֶוערְן אַ פְרֵיילִיכֶע גֶעשְׁמַאקֶע וַוייבּ און זִי װֶועט אִים נִישְׁט סֶעקִירְן.

## ז

דֶער מַאן דַארְף זֶען, אוֹיף אַ שֵׁיינֶע און לִיבְּלִיכֶע װֶועג, צוּ מַסְבִּיר זַיין פַאר זַיין וַוייבּ דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן צְנִיעוּת, דִי פִילֶע בְּרָכוֹת וָואס קוּמֶען אִין אַ שְׁטוּבּ וואוּ דִי פְרוֹי אִיז צְנִיעוּת׳דִיג, און חַס וְשָׁלוֹם דִי פַארְקֶערְטֶע.

דִי גְמָרָא זָאגְט (מְגִילָה י׳.) אַז אִין זְכוּת פוּן דִי צְנִיעוּת פוּן רָחֵל אִמֵנוּ הָאט זִי גֶעהַאט אַזַא אֵיינִיקְל וִוי שָׁאוּל הַמֶלֶךְ, און אִין דִי זְכוּת פוּן דִי צְנִיעוּת פוּן שָׁאוּל הָאט עֶר גֶעהַאט אַן אֵיינִיקְל אֶסְתֵּר הַמַלְכָּה וָואס זִי הָאט גֶערַאטֶעוֶועט דִי אִידְן. נָאךְ זָאגְן דִי חֲזַ״ל (בַּמִדְבָּר רַבָּה, א׳, ג׳) אַז אַ פְרוֹי וָואס אִיז צְנִיעוּת׳דִיג, אֲפִילוּ אוֹיבּ זִי אִיז אַ יִשְׂרָאֵלִית, אִיז זִי אָבֶּער װֶוערְט אַז זִי זָאל חַתוּנָה הָאבְּן צוּ אַ כֹּהֵן און הָאבְּן קִינְדֶער כֹּהֲנִים גְדוֹלִים. נָאךְ זָאגְן דִי

חֲזַ"ל (שָׁם ח', י') אַז וֶוען אַ פְרוֹי פִירְט זִיךְ בִּצְנִיעוּת אִיז זִי זוֹכֶה צוּ הָאבְּן קִינְדֶער וָואס לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, זֵיי הָאבְּן גוּטֶע מִדוֹת, אוּן פִירְן זִיךְ אוֹיף וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

וֶוען אַ מַאן גֶעבְּט צוּ פַארְשְׁטֵיין פַאר זַיין וַוייבּ מִיט רוּאִיגְקֵייט אוּן לִיבְשַׁאפְט דִי גְרוֹיסֶע שֶׁפַע אוּן דִי פִילֶע גוּטֶע בְּרָכוֹת וָואס עֶס וֶועט קוּמֶען אִין הוֹיז וֶוען זִי וֶועט זַיין צְנִיעוּת'דִיג, אוּן פַארְקֶערְט דִי צָרוֹת אוּן יִסוּרִים, דִי קְרֶענְק אוּן אָרִימְקַייט, וָואס קוּמְט וֶוען דִי פְרוֹי אִיז חַס וְשָׁלוֹם פְּרִיצוּת'דִיג, דַאן וֶועט זִי זִיכֶער זִיךְ פָארְנֶעמֶען צוּ זַיין נָאר עֶרְלִיךְ אוּן צְנִיעוּת'דִיג. דַאן וֶועט דִי שְׁכִינָה רוּעֶן אִין זֵייעֶר הוֹיז, אוּן וֶוען דִי שְׁכִינָה אִיז אִין הוֹיז אִיז שׁוֹין מְמֵילָא דָא אַלֶע גוּטֶע הַשְׁפָּעוֹת אִין הוֹיז.

## ח

דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה לֶערְנְט אוּנְז (בְּרֵאשִׁית ב׳, כ״ד) ״עַל כֵּן יַעֲזָב אִישׁ אֶת אָבִיו וְאֶת אִמּוֹ וְדָבַק בְּאִשְׁתּוֹ וְהָיוּ לְבָשָׂר אֶחָד״ - אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ בַּאהֶעפְטְן מִיט זַיין וַוייבּ אַז זֵיי זָאלְן וֶוערְן וִוי אֵיין מֶענְטְשׁ. דָאס אִיז דֶער עִיקָר וָואס אַ מַאן דַארְף גֶעדֶענְקֶען, עֶר אִיז אֵיין מֶענְטְשׁ מִיט זַיין וַוייבּ. אֵיין אֵבָר פוּנֶעם מֶענְטְשׁ וֶועט זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן אוּן זִיךְ קְרִיגְן מִיטְ׳ן צְוֵוייטְן אֵבָר. פַּארְקֶערְט, אֵיין אֵבֶר וֶועט מִיטְפִילְן דִי צַעַר פוּנֶעם צְוֵוייטְן אֵבֶר אוּן עֶס אַרוֹיסְהֶעלְפְן. דִי זֶעלְבֶּע דַארְף זַיין בַּיי אַ מַאן אוּן וַוייבּ, זֵיי זָאלְן זִיךְ נָאר לִיבּ הָאבְּן אוּן אַרוֹיסְהֶעלְפְן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן. חֲזַ״ל זָאגְן (קֹהֶלֶת רַבָּה ד׳, ט׳) אוֹיפְ׳ן פָּסוּק ״טוֹבִים הַשְּׁנַיִם מִן הָאֶחָד״, אַז סְ׳אִיז בֶּעסֶער וֶוען דִי מַאן אוּן וַוייבּ לֶעבְּן אִינְאֵיינֶעם בְּאַחְדוּת, וִוי וֶוען יֶעדֶער דְרֵייט זִיךְ אוֹיס אוּן גֵייט זִיךְ זַיין וֶועג. וִוי

גְלִיקְלִיךְ אִיז אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט דִי רִיכְטִיגֶע שֵׂכֶל, עֶר הָאט רַחֲמָנוּת אוֹיף זַיין וַוייבּ, אוּן עֶר אִיז אִיר דַן לְכַּף זְכוּת. עֶר בְּרֶענְגְט אַרַיין לִיבְּשַׁאפְט אוּן שִׂמְחָה אִינְדֶערְהֵיים. דַאן וֶועט דִי שְׁכִינָה רוּעֶן אִין הוֹיז, אוּן עֶס וֶועט דָארְט זַיין אַלֶע גוּטֶע בְּרָכוֹת אוּן הַשְׁפָּעוֹת.

תַּם וְנִשְׁלַם שֶׁבַח לָאֵל בּוֹרֵא עוֹלָם

# הספר
# הקדוש הזה
נדפס לטובת נשמת בעל מחבר
של הספר הזה מאור עינינו,
חיות נפשינו, עטרת ראשינו, כבוד
קדושת מרן הגה"ק רבי
## אליעזר שלמה
בן רבי
## מנחם זאב
זצוקללה"ה
נלב"ע י"ד שבט תשע"ה
**ת.נ.צ.ב.ה.**

# הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

מורינו **ראש הישיבה** שליט"א
וזוגתו
**אסתר גיטל** תחי',
וילדיהם
**שלמה** ומשפ',
**אלחנן חיים** ומשפ',
**מרים העניא זיסל** ומשפ',
**שמעון, נחמן נתן, יצחק דוד, צבי,**
**רחל לאה, יוסף, מנחם, יחזקאל.**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא
ויזכו לרות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם
אמן כן יהי רצון